# די יידישע פּליטים אין אויסטראַליע

פון

דר. ה. בערגער

עס איז זייער אַ פּיינלעכע אויפגאַבע צו באַהאַנדלען די פראַגע פון דער פּליטים־איינוואַנדערונג קיין אויסטראַליע. מיר שרייבן נישט די דאָזיקע אַרבעט מיט אַ געפיל פון ביטערקייט, מיט טענות צו וועמען עס זאָל נישט זיין. ווייט דערפון. אונזער צוועק איז בלויז צו פאַרצייכענען די דערפאַרונגען פון די ערשטע פּליטים־אימיגראַנטן. די דאָזיקע דערפאַרונגען וועלן קאָנען דינען אַלס אַ גוטע לעקציע אויף להבא, ווען די פראַגע פון אימיגראַציע קיין אויסטראַליע וועט אַמאָל ווידער ווערן אַקטועל.

אונזער אַרבעט איז אַ רעזולטאַט פון אַן אויספאָרשונג וועגן דער פּליטים־איינוואַנדערונג קיין אויסטראַליע. אין דער אויספאָרשונג האָבן פריינטלעך מיטגעווירקט די באַאַמטע פון אינערן־מיניסטעריום, פון אויסטראַלישן ביוראָ פאַר פאָלקסציילונג און סטאַטיסטיק, פון געזונטהייטס־דעפּאַרטאַמענט און פון דער אויסטראַליש־יידישער „וועלפעיר סאָסייטי".

## 1. די אויסטראַלישע אימיגראַציע־פּאָליטיק און די יידישע פּליטים

דער אויסטראַלישער קאָנטינענט נויטיקט זיך אין אַ באַפעלקערונג פון 30 ביז 60 מיליאָן נפשות פאַר איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. אין דער פאַרגאַנגענהייט איז נישט געווען קיין פּראַקטישע מעגלעכקייט צו באַקומען איינוואַנדערערס פון דער ווייסער ראַסע אין אַ מאַסן־מאַסשטאַב. אָבער ווען דאָס איז





געוואָרן מעגלעך אַדאַנק היטלערס קומען צו דער מאַכט, און אַ גוטער אימיגראַנטן־עלעמענט האָט געזוכט צו קומען קיין אויסטראַליע, האָט מען אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן. בלויז 7,000 זענען געקומען אין משך פון 8 יאָר (1933-1940).

מיט וואָס לאָזט זיך דערקלערן דער דאָזיקער פּאַראַדאָקס? מיר מוזן אַנאַליזירן די מאָטיוון, וואָס זענען אָנגעגעבן געוואָרן קעגן דעם אַריינלאָזן פּליטים אין גרעסערע צאָלן, כדי צו פאַרשטיין זייער אמתע באַדייטונג. די מאָטיוון לאָזן זיך איינטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: ראשית, די מאָטיוון, וואָס פון זיי איז דיקטירט געוואָרן די אָפיציעלע אימיגראַציע־פּאָליטיק. והשנית, די מאָטיוון, וועלכע מען האָט אָנגעגעבן, כדי צו באַאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג. די צווייטע האָבן אין אַ סך פּרטים זיך געדעקט מיט די ערשטע.

די אַלגעמיינע שטעלונג פון דעם אינערן־מיניסטעריום איז געוואָרן דיקטירט דורך דעם פּרינציפּ, אַז די באַפעלקערונג פון אויסטראַליע מוז 95 פּראָצענט זיין אַ בריטיש־געבוירענע. אויב מ'זאָל אָננעמען, אַז פון די איבעריקע 5 פּראָצענט (וואָס מאַכט אויס 350,000 לויט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 7 מיליאָן) וועלן אויסשטאַרבן 7 טויזנט יערלעך, וועט מען די זעלבע צאָל נישט־בריטישע אימיגראַנטן אַריינלאָזן אין אויסטראַליע. אפילו אונטער אַן אינטערנאַציאָנאַלן דרוק אויף דער עוויאַנער קאָנפערענץ, אין סעפּטעמבער 1938, האָט אויסטראַליע זיך אָפּגעזאָגט אַריינצולאָזן מער ווי 15 טויזנט יידישע פּליטים אין פאַרלויף פון 3 יאָר.[1]

אַ צווייטער באַדינג פון דער אויסטראַלישער אימיגראַציע־פּאָליטיק איז, אַז דער אימיגראַנט מוז זיין פולשטענדיק געזונט סיי פיזיש און סיי גייסטיק, אָן פּגם אין זיין כאַראַקטער, באַזיצן גוטע בילדונג און פאַרמאָגן גענוג געלט, כדי זיך צו קענען אויסהאַלטן. דעם לעצטן פּונקט האָט מען אויסגעטייטשט אויף פאַרשידענע אופנים און פאַרשידענע צייטן. ביז דער ערשטער

1) פון דער דאָזיקער קוואָטע האָט מען געגעבן 4,420 אַריינפאַרדערלויבענישן, פון וועלכע נישט אַלע זענען געוואָרן אויסגענוצט.

העלפט פון 1938 האָט מען פון אימיגראַנט פאַרלאַנגט 200 פונט, שפּעטער האָט מען דעם סכום פאַרגרעסערט ביז 500, 800 און 3,000 פונט. צום סוף איז מען אפילו דערגאַנגען ביז 5,000 פונט. דערמיט האָט מען אַ פּנים געוואָלט פאַרזיכערן ביידע צדדים, דעם אימיגראַנט און דעם אויסטראַלישן קיבוץ, אַז דער ניי־אָנגעקומענער זאָל נישט זיין אַ לאַסט פאַר די עפנטלעכע פאָנדן און אַז די אַדמיניסטראַציע זאָל זיין פריי פון יעטוועדער זאָרג וועגן אים. אין הסכם דערמיט האָט יעדער אימיגראַנט, פאַר וועלכן עס האָט גאַראַנטירט אַ פריינט, אָדער אַ קרוב, געדאַרפט אויפווייזן נאָר 50 פונט. די גאַראַנטיע האָט פאַרפליכטעט אין משך פון 5 יאָר.

ביידע פרינציפן האָבן אוממעגלעך געמאַכט אַ מאַסן־איינוואַנדערונג קיין אויסטראַליע. די דערפאַרונג האָט געוויזן, אַז אויסטראַליע האָט זיך נישט געהאַט צו ריכטן אויף בריטיש־געבוירענע אימיגראַנטן אין גרעסערע צאָלן. אין משך פון יעדן יאָר ביז 1938, וואָס איז געווען אַ צייט פון פּראָספּעריטי אין אויסטראַליע, האָט דאָס לאַנד פאַרלוירן דורך אויסוואַנדערונג 3,389 בריטיש־געבוירענע.

נייטט געקוקט אויפן קאָנסערוואַטיוון כאַראַקטער פון דער אויסטראַלישער אימיגראַציע־געזעצגעבונג, האָט זי דאָך נישט אויסגעשלאָסן טעאָרעטיש די מעגלעכקייט, אַז אין לאַנד זאָלן אַריינקומען צענדליקער און אפילו הונדערטער טויזנטער פּליטים מיט דעם מינימום אויפווייז־קאַפּיטאַל פון 200 פונט, אָדער 50 פונט מיט אַ גאַראַנטיע. אין 1933 האָט די נישט־בריטישע באַפעלקערונג אין אויסטראַליע אויסגעמאַכט אַרום 2 פּראָצענט. אין ניו־סאַוט־וויילס, וואָס ציילט 40 פּראָצענט פון דער אויסטראַלישער באַפעלקערונג, איז דער פּראָצענט געווען נאָך קלענער (אַרום 1.4). אַחוץ דער יערלעכער קוואָטע פון 7,000, האָבן קיין אויסטראַליע געקאָנט אַריינקומען 200,000 נישט־בריטישע אימיגראַנטן. דער טראַדיציאָנעלער פּרינציפּ פון אַ 95־פּראָצענטיקער בריטישער באַפעלקערונג וואָלט דערביי געבליבן אָפּגעהיטן פּינקטלעך און גענוי. אַ פּנים, אַז מען האָט באַשווערט די





איינוואַנדערונג פון פּליטים קיין אויסטראַליע צוליב מאָטיוון, וואָס ליגן מחוץ די גרעניצן פון דער שטענדיקער אָפיציעלער אימיגראַציע־פּאָליטיק.

## 2. די עפנטלעכע מיינונג

עס זענען אונז באַוווסט די טענות, וואָס מען האָט געהאַט קעגן דעם אַריינלאָזן יידישע פּליטים אין גרעסערע צאָלן. מען האָט געזאָגט, אַז סוף־כל־סוף מוז דאָך זיין אַ ברעקלעכע אמת אין די נאַציסטישע באַשולדיקונגען קעגן די פּליטים; אַז זיי וועלן אַרויסרופן אַנטיסעמיטישע שטימונגען; אַז די אַרבעטסלאָזיקייט וועט צוליב זיי ווערן גרעסער, זיי וועלן אַראָפּדריקן דעם עקזיסטירנדיקן לעבנס־סטאַנדאַרד. מיט איין וואָרט, אַז די פּליטים־אימיגראַציע וועט אַריינדרינגען און פאַרפּלייצן די שוין עקזיסטירנדיקע פּאָזיציעס פונם עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן אין אויסטראַליע. אַז זיי וועלן נישט באַשאַפן קיין נייע ישובים מיט נייע אינדוסטריעס און נייע אַרבעטס־פּאָסטנס.

די אויסטראַלישע רעגירונג איז טעאָרעטיש געווען פאַר אַ פּראָצעס פון אינפילטראַציע אין דער עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון לאַנד. אויך די עפנטלעכע מיינונג האָט אַנדערש נישט געטראַכט. אָבער, צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַ מאַסן־אימיגראַציע, פון וועלכער דאָס לאַנד זאָל האָבן נוצן און וואָס זאָל אויך זיין גינסטיק פאַר די ניי־געקומענע, אויב זי איז נישט געהעריק פּלאַנירט און געווענדט אין אַ באַשטימטער ריכטונג?

אַז דער פּראָצעס פון אינפילטראַציע איז עקאָנאָמיש און אויך פּסיכאָלאָגיש אוממעגלעך אין אויסטראַליע ביים היינטיקן טאָג, איז געוואָרן קלאָר פון די ־דערפאַרונגען, וואָס מען האָט געהאַט פון דער קליינער אימיגראַציע אין די לעצטע יאָרן. מען וואָלט אפילו געקאָנט זאָגן, אַז די דיסקרימינאַציעס לגבי די פּליטים דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי אַ נאַטירלעכע רעאַקציע קעגן דעם פּראָצעס פון אינפילטראַציע, וואָס מען האָט אויפגעצווונ־

גען אויף דעם אויסטראַלישן קיבוץ. די דיסקרימינאַציעס לאָזן זיך פאַרשטיין, אויב מען איז מיט זיי אויסן געווען צו דיסקרעדיטירן די פּליטים־אימיגראַנטן אין אויסטראַליע. עס איז אָבער שווער צו פאַרשטיין, אַז דיזעלבע אַרגומענטן האָט מען אויך באַנוצט קעגן אַ מאַסן־אימיגראַציע בכלל. נישט ווילנדיק מוז מען דעריבער שטעלן אונטער אַ פראַגע־צייכן די אויפריכטיקייט פון די כוונות מצד די, וואָס האָבן זיך מיט אַזעלכע אַרגומענטן באַנוצט.

צי האָט די אָפיציעלע פּאָליטיק זיך געריכטעט לויט דער עפנטלעכער מיינונג, צי פאַרקערט, די עפנטלעכע מיינונג איז אָפיציעל באַאיינפלוסט געוואָרן — די דאָזיקע פראַגע לאָזט זיך דיסקוטירן. די לידערס פון דער קאַמפּאַניע צו באַאיינפלוסן די עפנטלעכע מיינונג קעגן די פּליטים אויף אַן אַנטיסעמיטישן באָדן און טיילווייז אויפן באָדן פון מעגלעכער נישט־לאָיאַליטעט מצד די פּליטים, זענען געווען דער געוו. פּרעמיער פון נ. ס. וו. מר. מעיר, דער וויצע־פּרעמיער מר. ברוקסנער און דער פּריוואַט־סעקרעטאַר פון זיין עקסעלענץ דעם גאָווערנער.

אויב די אַדמיניסטראַציע איז געווען קעגן אַריינלאָזן יידן, איז איר אויפגאַבע אין דער דאָזיקער ריכטונג אין אַ גרויסער מאָס פאַרלייכטערט געוואָרן פון יענע אויסטראַלישע יידן, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר אַ צופלוס פון אייראָפּעאישע יידן. די „דזשואיש וועלפעיר סאָסייטי” איז יעדנפאַלס געווען שטאַרק דערמיט, וואָס זי האָט געהאַט דעם פולן צוטרוי מצד אַ רעגירונג, וואָס האָט פאַקטיש פאַרבאָטן די איינוואַנדערונג פון יידישע פּליטים.

## 3. די אימיגראַנטן

די פראַגע פון פּליטים־איינוואַנדערונג שטעלט זיך פאַר אין גאַנץ אַנדער ליכט, ווען מען פאַרגלייכט די גרויסע צאָלן, וואָס האָבן געוואָלט און געקאָנט קומען, אַנטקעגן דעם הייפעלע, וואָס איז אַריינגעלאָזט געוואָרן.





אין דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, ליטע, פּוילן, אונגאַרן, רומעניע און אַלע איבעריקע לענדער פון אַנטיסעמיטישן טעראָר, זענען די פּאָטענציעלע עמיגראַנטן נישט געווען באַנקירן און באָלשעוויקעס גלייכצייטיק, ווי עס האָט די נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע זיי געשטעמפּלט פאַר דער וועלט. זיי זענען געווען וויסנשאַפטסלייט, פּראָפעסיאָנאַליסטן, סוחרים, בעלי־מלאָכות, אַרבעטער און אויך באַשטימטע צאָלן טרענירטע ערד־אַרבעטער.

אויף וואָס פאַר אַן אופן איז געמאַכט געוואָרן דער אָפּקלייב פון די אימיגראַנטן, וועלכע מען האָט אַריינגעלאָזט?

דער צוזאַמענשטעל פון די דייטשע, און בפרט פון די עסטרייכישע און טשעכאָסלאָוואַקישע פּליטים, וואָס זענען געקומען קיין אויסטראַליע נאָכן פאַלן פון עסטרייך, איז געווען אַ צופעליקער וואָס שייך זייערע באַרופן. דאָס זענען געווען סתם מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט געלט אין אויסלענדישע בענק און וועלכע האָבן אויף וואָסער ס'איז אופן נושא־חן געווען ביי די באַאַמטע, וואָס האָבן געהאַט אַ דעה ביים אָפּקלייב פון די עמיגראַנטן. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער בורזשואַזער עלעמענט איז געווען דער דאָמינירנדיקער, מחמת ווער אַנדערש האָט דען אויסלענדישע קרעדיטן צו דיספּאָזיציע?

הגם דאָס פאַרמאָגן געלט קאָן מען נישט באַטראַכטן ווי אַ פּגם, דאַרף מען אָבער צווייפלען, צי די באַזיצנדיקע קלאַסן זענען דער געווינטשענסטער עלעמענט פאַר דער איינוואַנדערונג קיין אויסטראַליע. מען האָט אויך מכלומרשט גענומען אין אַכט דעם באַרוף פון אַפּליקאַנט, אָבער מען ווייס פון אַ סך פאַלן, אַז מען האָט אָפּגעזאָגט די איינרייזע־דערלויבעניש אַ סך ערלעכע, נוצלעכע מענטשן און גוטע פאַכלייט, וואָס וואָלטן געקאָנט איינפירן נייע אינדוסטריע־צווייגן און אויסאַרבעטן אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס ווערן אימפּאָרטירט קיין אויסטראַליע. פון דער צווייטער זייט האָט מען אָבער אַריינגעלאָזט דאָקטוירים און דענטיסטן, נישט געבנדיק זיי קיין דערלויבעניש צו פּראַקטיצירן.

די לאַגע פון די פּוילישע יידן שטעלט זיך פאַר אַביסל אַנ־

דערש. פּויליש יידן זענען צום רוב אַרויסגעפּאָדערט געוואָרן דורך קרובים, וועלכע זענען אין די פריערדיקע יאָרן געקומען קיין אויסטראַליע, און מיט 50 פונט אויפּווייז־געלט האָבן זיי געקאָנט אַריינקומען אין לאַנד. דער עלעמענט פון די פּויליש־יידישע אימיגראַנטן איז דעריבער אַ מער געמישטער און באַשטייט פון פאַרשידענערליי פאַכלייט און פּראָפעסיאָנאַליסטן.

די צאָל פּליטים, וואָס זענען רעגיסטרירט געוואָרן אין די פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון דער א. דזש. וו. ס. (אויסטראַליען דזשואיש וועלפעיר סאָסייטי), איז בערך 7,000. בישאָף דר. ס. וועגן פּילטשער, סידניי, פּאָרזיצער פון צווישן־קירכלעכן קאָמיטעט פאַר פּליטים־הילף, שאַצט אָפּ די צאָל פּליטים אויף 6,500, אַריינרעכענענדיק די נישט־אַרישע קריסטן. די צאָל 7,000 איז זיכער איבערגעשאַצט, וואָרום אַ סך פון די פּליטים האָב זיך איבערגעטראָגן פון איין שטאָט אין צווייטן און זיך טאָפּלט רעגיסטרירט אין פאַרשידענע שטאָט־אָפּטיילונגען פון דער א. דזש. וו. ס. אַנדערע ווידער, בפרט געשמדטע פּליטים, האָבן געזוכט שטיצע אין יידישע און נישט־יידישע הילף־אָרגאַניזאַציעס, און זייערע נעמען האָבן פיגורירט גלייכצייטיק אין פאַרשידענע רעגיסטערס.

ווי קליין עס איז געווען די איינוואַנדערונג פון פּליטים קיין אויסטראַליע, קאָן מען זען פון פאָלגנדיקע ציפערן (אָנגעגעבן פונם אַמט פאַר פאָלקס־ציילונג און סטאַטיסטיק): אין די יאָרן 1933־40 זענען קיין אויסטראַליע אַריינגעקומען 19,433 אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, פּוילן, רומעניע, ליטע, יוגאָסלאַוויע; אין די יאָרן 1925־32 זענען פון די זעלבע לענדער אַריינגעקומען 14,079 אימיגראַנטן. פון די אָנגעגעבענע ציפערן זענען 9,167 געווען פון יוגאָסלאַוויע. יוגאָסלאַוון, איטאַליענער און גריכן מאַכן אויס דעם גרעסטן חלק פון דער נישט־בריטישער באַפעלקערונג אין אויסטראַליע.

די פאַנאַנדערטיילונג פון די פּליטים אין די באַזונדערע אויסטראַלישע שטאַטן, איז: 4,198 אין ניו־סאַוט־ווײלס, 250



# די יידישע פּליטים אין אויסטראַליע

אין קווינסלענד, 233 אין מערב־אויסטראַליע, אַ פּאָר אין טאַסמאַניע און אין דער צפון־טעריטאָריע. די פאַרבליבענע צאָל, בערך 2,100 פאַלט אויס אויף וויקטאָריע. די מעלבורנער א. דזש. וו. ס. האָט נישט געגעבן קיין שום אינפאָרמאַציע וועגן דער דאָזיקער פראַגע, און מיר ברענגען די געבראַכטע צאָל אויפן סמך פון פּשוטן אַריטמעטישן חשבון. ווי עס ווייזט אויס, האָט ניו־סאַוט־ווײלס כמעט נאָכאַמאָל אַזויפיל פּליטים ווי וויקטאָריע.

עס איז זייער שווער אָנצוגעבן די צאָל פון די געשמדטע פּליטים, וואָרום אין די נישט־יידישע פּליטים־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך רעגיסטרירט אַ סך יידישע פּליטים, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי צו דער א. דזש. וו. ס.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן די צאָלן פון די פּליטים לויט זייערע נאַציאָנאַליטעטן. צום באַדויערן האָבן מיר באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן דער פראַגע בלויז פון דער דרום־אויסטראַלישער אָפּטיילונג פון דער א. דזש. וו. ס. פון די 133 פּליטים, וואָס זענען געקומען קיין דרום־אויסטראַליע, זענען 63 פון דייטשלאַנד, 44 פון עסטרייך, 9 פון טשעכאָסלאָוואַקיע, 9 פון פּוילן, 5 פון אונגאַרן, 2 פון לאַטוויע, איינער פון פראַנקרייך. מיר נעמען נישט אָן, אַז די זעלבע פּראָפּאָרציע גילט פאַר די אַנדערע שטאַטן. די ציפערן, וואָס מיר האָבן באַקומען פון סטאַטיסטישן אַמט, זענען נישט קיין גענויע, וואָרום דער אַמט מאַכט נישט קיין חילוק צווישן יידישע און נישט־יידישע פּליטים פון איין זייט, און פון געוויינטלעכע עמיגראַנטן, טוריסטן, האַנדלס־אַגענטן ביז אייגנטלעכע פּליטים פון דער צווייטער זייט. יעדנפאַלס זענען די ציפערן, וואָס מיר האָבן באַקומען פון סטאַטיסטישן אַמט, כאַראַקטעריסטיש. אין 1939, ווען די פּליטים־איינוואַנדערונג איז געווען די גרעסטע, זענען 5,563 געקומען פון דייטשלאַנד און עסטרייך, 1,016 פון פּוילן, 522 פון אונגאַרן, 354 פון טשעכאָסלאָוואַקיע, 155 פון רומעניע, 211 פון ליטע. עס זענען אויך געווען עטלעכע פון איטאַליע, האָלאַנד, פראַנקרייך, לאַטוויע, עסטאָניע און בעלגיע. פון דער אַלגעמיינער צאָל 7,651 מאַכן אויס די אימיגראַנטן פון דייטש־

לאַנד און עסטרייך בערך 73 פּראָצענט. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין פאַרגלייך מיט וויקטאָריאַ האָבן זיך אין נ. ס. וו. באַזעצט מער ווי צוויי מאָל אַזויפיל פּליטים פון דייטשלאַנד, עסטרייך, ליטע און רומעניע, און מער ווי דריי מאָל אַזויפיל פון אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע. אַנטקעגן דעם האָבן זיך אין וויקטאָריאַ באַזעצט מער ווי טאָפּלט פּוילישע יידן ווי אין נ. ס. וו.

## 4. רעכטלעכע און סאָציאַלע לאַגע פון די פּליטים

די יידישע פּליטים באַטרעפן 0.1 פּראָצענט פון דער אויסטראַלישער באַפעלקערונג. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג האָט אין 1933 געציילט 23,533 נפשות, אַזוי, אַז די פּליטים שטעלן מיט זיך פאָר אַ צו־וווּקס פון כמעט 30 פּראָצ. אין נ. ס. וו. שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ צו־וווּקס פון איבער 40 פּראָצ. פון דער יידישער באַפעלקערונג (10,305).

די רעפּרעזענטאַטיווע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסטראַליע האָבן מיט קליינע אויסנאַמען נישט אַריינגענומען קיין פּליטים אין זייערע קאָמיטעטן. אפילו אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווי די נישט־לאַנג געגרינדעטע אויסטראַלישע אָפּטיילונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס האָט אויסגעמיטן די פּליטים אין איר ל י י ט ו נ ג. מר. דע־וואָל דייווים, וויצע־פּאָרזיצער פון אויסטראַלישן יידישן וועלט־קאָנגרעס, האָט אפילו אין אַ בריוו אין „היברו סטאַנדאַרד", סידנעי, פון 31טן יולי, 1941, קלאָר אויסגעדריקט די קעגנערישע שטעלונג פון דער אויסטראַלישער עקזעקוטיווע לגבי אַ מאַסנווייזער יידישער אימיגראַציע.

די „דזשואיש וועלפעיר סאָסייטי", וואָס איז פון דער רעגירונג אָנפּאַרטרויט געוואָרן צו רעפּרעזענטירן די אינטערעסן פון די פּליטים, איז אויסגעשפּראָכן קעגן יידישער אימיגראַציע. די דזש. וו. ס. ווערט אין אַ גאָר גרויסער מאָס פינאַנסירט דורך אַמעריקאַנער יידן (די אָפּטיילונג אין נ. ס. וו. האָט ביזן 30טן אַפּריל, 1940, באַקומען פון אַמעריקע 27,575 פונט), אָבער איר טעטיקייט ווערט געפירט אין די אינטערעסן פון די אויסט־





ראַלישע יידן, ווי זיי ווערן פאַרשטאַנען דורכן „עדוויזאָרי באָרד" און דער גרויסער סינאַגאָגע אין סידנעי. עס איז כדאי אָנצוווייזן, אַז פון אירע קליינע פאָנדן, אין 1940, האָט די סידנעיער אָפּטיילונג פון דער דזש. וו. ס. באַצאָלט פריער־אויס 1,200 פונט פאַר דריי יאָר דירה־געלט דעם „דזשואיש וואָר מעמאָריאַל", וואָס איז אַ קהליש אייגנטום פון דעם יידישן קיבוץ אין סידנעי. קנאַפּע 7 טויזנט פונט האָבן אויסגעמאַכט די אַדמיניסטראַטיווע קאָסטן פאַרן יאָר 1939-40. אפילו די צוגרייטונגס־פאַרם אין טשעלסי פּאַרק, נ. ס. וו., וואָס האָט זיך, ווי עס איז שפּעטער אַרויסגעוויזן געוואָרן, אַליין געקאָנט אויסהאַלטן, האָט דער דזש. וו. ס. אָפּגעקאָסט ביז אָקטאָבער 1940 איבער 8 טויזנט פונט. נישט געקוקט אויף די ריזיקע הוצאות, האָט די דזש. וו. ס. גאָר ווייניק אויפגעטאָן פאַר די פּליטים. דאָס אַרבעטס־ביוראָ האָט גאָר שלעכט פונקציאָנירט און בכלל האָבן די פונקציאָנערן אַרויסגעוויזן אַ שלעכטע באַציאונג צו די פּליטים, זיי באַהאַנדלט ווי „גרינע" און אין מערערע פאַלן אויך געזוכט זיי אפילו צו עקספּלאָאַטירן.

לויט אָנגעגעבענע ציפערן זענען צווישן די פּליטים פאַראַן 126 מענער אויף 100 פרויען. אין משך פון 1939 האָבן חתונה געהאַט 58 מיידלעך, געבוירענע אין דייטשלאַנד, 29 — אין עסטרייך, 12 — אין טשעכאָסלאָוואַקיע, 59 — אין פּוילן. אין פאַרגלייך מיט 1933, שטעלן זיך די ציפערן פאָר: 23, 3, 5, 43. נאָר אַ קליינע צאָל פון זיי האָט חתונה געהאַט מיט געבוירענע אין אויסטראַליע. די ציפערן פאַר מענער, געבוירענע אין די דערמאָנטע לענדער זענען: 64, 14, 41, 116 אין 1939, און 31, 5, 14, 115 אין 1933. די צאָל קינדער געבוירן ביי עלטערן־פּליטים פון די אויסגערעכנטע לענדער זענען: 83, 18, 45, 201 אין 1939, און 70, 11, 20, 203 אין 1933. דער קליינער אונטערשייד אין ציפערן צווישן דיביידע יאָרן איז זייער כאַראַקטעריסטיש.

פון 133 פּליטים אין דרום־אויסטראַליע זענען דאָ בלויז 10 קינדער אונטער 16 יאָר; פון 233 אין מערב־אויסטראַליע —

בלויז 14. אין נ. ס. וו. געפינען זיך 917 מענער־פּליטים איבער 40 יאָר אַלט אין פאַרגלייך מיט 1,098 אין עלטער פון 17 ביז 40. לויט דעם קאָן מען אורטיילן, אַז די גרעסטע צאָל דירעקטע איינרייזע־דערלויבענישן האָט מען געגעבן עלטערע מענטשן, וואָרום די רעגירונג האָט בלויז אין זעלטענע פאַלן דערלייבט עלטערן מיטצופאָרן מיט זייערע קינדער, וועלכע האָבן באַקומען איינרייזע־דערלויבענישן. דאָס איז פאַרשטענדלעך, וואָרום ביים אָפּקלייב פון פּליטים־אימיגראַנטן האָט מען זיך קודם־כל גערעכנט מיט זייער געלט־באַזיץ.

אויב מיר זאָלן צו די אויבן־געבראַכטע ציפערן צוגעבן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שוועריקייטן, אויף וועלכע די פּליטים האָבן דאָ אָנגעטראָפן, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז זיי זענען פאַרמשפּט אויף אויסצושטאַרבן אין אויסטראַליע, אויב עס וועט נישט פאָרקומען קיין גרינטלעכע ענדערונג אין דער לאַגע.

די פּליטים זענען געקומען קיין אויסטראַליע פול מיט האָפענונגען. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן נאָך דעם אייראָפּעאישן גיהנום דאָ געפינען פרייהייט און עקאָנאָמישע זיכערקייט. זיי זענען אָבער גיך אַנטוישט געוואָרן אין זייערע האָפענונגען. אָרעמטום, ביים זוכן באַשעפטיקונג, און אפילו שוין זייענדיק באַשעפטיקט, האָט מען זיי כסדר דערמאָנט, אַז דעם אויסטראַליש־געבוירענעם דאַרף געגעבן ווערן פאָרצוג. מען האָט זיך נישט גערעכנט מיט זייערע קוואַליפיקאַציעס און כסדר זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי זענען „פיינטלעכע פרעמדע". די אויסנאַם־געזעצן קעגן די פּליטים זענען אָנגעווענדעט געוואָרן נישט בלויז לגבי פרעמדע פון פיינטלעכע לענדער.

אַ הויך־קוואַליפיצירטער אַגראָנאָם, אַ ספּעציאַליסט אין טאַבאַק־צוכט און אַ פּ ו י ל י ש ע ר  ב י ר ג ע ר האָט באַקומען פון פּוילישן גענעראַל־קאָנסול אַ רעקאָמענדאַציע צום אַגריקולטור־מיניסטער. דער מיניסטער האָט, אָנערקענענדיק די וויכטיקייט פונם אַפּליקאַנט פאַר דער יונגער טאַבאַק־אינדוסטרי אין אויסטראַליע, אים צוגעזאָגט צו געבן באַשעפטיקונג. דער





דירעקטאָר פון באַטרעפנדיקן דעפּאַרטאַמענט האָט אָבער קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דער פּאָסטן איז רעזערווירט אויסשליסלעך פאַר אויסטראַליער, אפילו ווען זיי באַזיצן נישט די געהעריקע קוואַליפיקאַציעס.

אמת, עס זענען דאָ אויסנאַמען, בפרט אין די שטאַטן, וווּ עס האָבן זיך באַזעצט ווייניק פּליטים. אין דרום־ און מערב־אויסטראַליע איז די לאַגע אין דער הינזיכט אַ סך גינסטיקער. אין די איבעריקע שטאַטן האָבן בלויז איינצלנע הויך־קוואַליפיצירטע טעכניקער באַקומען באַשעפטיקונג. אַ דייטש־יידישער אינזשינער האָט געמאַכט די פּראָיעקטן פאַר דעם אויסטראַלישן טאַנק. אַ צווייטער האָט מיט זיין פאַכמענישקייט צוגעהאָלפן אַוועקצושטעלן אין אויסטראַליע די אָפּטיק־אינדוסטרי אויף אַ הויכער מדרגה, לויט די מאָדערנע מלחמה־באַדערפעניש. דאָס זענען אָבער בלויז אויסנאַם־פאַלן וואָס האָבן לחלוטין נישט געענדערט די לאַגע פון די פּליטים בכלל. זיי זענען געצוווּנגען צו ווערן האָקערס, פאַרזיכערונגס־אַגענטן, קאָלעקטאָרן פון שלעכטע חובות א. ד. גל.

דענטיסטן און דאָקטוירים, וועלכע פּראַקטיצירן אָן אויסטראַלישער דערלויבעניש, ווערן שווער באַשטראָפט. הגם עס איז דאָ, צוליב דער מלחמה, אַ גרויסער מאַנגל אין דאָקטוירים, מוזן געניטע און לאַנג־פּראַקטיצירטע מעדיקער אַדורכמאַכן אַ דריי־יעריקן קורס אין אַן אויסטראַלישן אוניווערסיטעט און דערנאָך באַליינגן אַן עקזאַמען, ביז זיי באַקומען דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן. מען קאָן זיך פאָרשטעלן די לאַגע פון אַ באַרימטן אייראָפּעאישן דאָקטאָר, אַן אוניווערסיטעטס־פּראָפעסאָר, וואָס איז געווען פאָרזיצער פון וויסנשאַפטלעכע קאָנגרעסן, ווען ער מוז אויפסניי אַדורכמאַכן די אוניווערסיטעטס־רוטין און זיך לאָזן עקזאַמינירן. אַחוץ דעם קאָנען זיך אונטערנעמען אַדורכצומאַכן דעם דריי־יעריקן אוניווערסיטעטס־קורס בלויז די, וואָס האָבן גענוג געלט דערווייל זיך אויסצוהאַלטן.

אַ טייל פּליטים האָבן פּרובירט זיך צו נעמען צו לאַנדווירטשאַפט, בפרט צו הינער־ און חזירים־צוכט. זייער צאָל קאָן

ווערן געשאַצט פֿון צוויי ביז דריי הונדערט. זייערע אונטערנעמונגען האָבן אָבער געהאַט קנאַפּ דערפֿאָלג. אַזעלכע אונטערנעמונגען זענען זייער ריזיקאַליש אין אויסטראַליע, אויב זיי ווערן נישט פּלאַנירט אין אַ גרויסן מאַסשטאַב און אויף אַ מאַסן־פּראָדוקציע.

דער רוב מנין און רוב בנין פֿון די פּליטים פֿילן, אַז זייער לעבן איז אַ פֿאַרשפּילטס. דאָס פֿאַמיליע־לעבן ווערט איינגעבראָכן, מחמת אויף די פֿרויען ליגט דער עול פֿון פּרנסה פּונקט ווי אויף די מענער, און אין אַ סך פֿאַלן זענען די פֿרויען די איינציקע פּרנסה־ברענגערס.

די לאַגע ווערט נאָכמער באַשווערט צוליב די פּאָליטישע באַגרעניצונגען. די פּליטים פֿון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, איטאַליע, רומעניע ווערן אָפֿיציעל געשטעמפּלט אַלס „פֿיינטלעכע פֿרעמדע". מען באַהאַנדלט זיי ווי קריגס־געפֿאַנגענע אויף פּאַראָל. זיי טאָרן נישט פֿאַרברענגען אַ נאַכט אויסער דעם רעגיסטרירטן וווינאָרט, טאָרן נישט רייזן אָן דערלויבעניש, טאָרן נישט באַזיצן קיין ראַדיאָס און פֿאָטאָגראַפֿישע אַפּאַראַטן. זיי זענען פֿאַרפֿליכטעט אַריינצושיקן בריוו קיין אויסלאַנד אין אַ באַזונדערן קאָנווערט, אַדרעסירט צום צענזאָר; זיי טאָרן נישט קויפֿן קיין באָדן, אָדער הייזער; ס'איז זיי נישט דערלויבט צו כאַפּן פֿיש. דאָס אַלץ איז נאָר אַ טייל פֿון די באַגרעניצונגען, וואָס פֿאַרפֿליכטן לגבי די „פֿיינטלעכע פּליטים". אַחוץ דעם איז נישט דערלויבט זיי צו באַשעפֿטיקן ביי אַרבעטן, וואָס זענען אונטער מלוכהשער לייטונג, אָדער קאָנטראָל, ווי ראַדיאָ, שולן, און ביי יעטוועדער אַרבעט, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט מיליטערישער פֿאַרטיידיקונג. אַ סך פּריוואַטע פֿירמעס טוען־נאָך דער רעגירונג, אַפֿילו ווען זיי האָבן לגמרי נישט צו טאָן מיט מיליטערישער פֿאַרטיידיקונג; זיי געניסן נישט פֿון דעם ניי־איינגעפֿירטן קינדער־באָנוס, אַפֿילו ווען זייערע קינדער זענען געבוירן אין אויסטראַליע. אַן אַנדערע כאַראַקטעריסטישע באַגרעניצונג איז דער פֿאַרבאָט צו אַנגליזירן זייערע נעמען.





## 5. דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער מצב און דער פּרינציפּ פֿון אינפֿילטראַציע

די רעגירונג האָט אַ קעגנערישע שטעלונג לגבי דער פֿאַרמערונג פֿון קאָלאָניעס און באַזונדערע ישובים פֿון פֿרעמדע. טעאָרעטיש שטייט זי אויפֿן פּרינציפּ פֿון אינפֿילטראַציע. די פֿרעמדע דאַרפֿן אויפֿגעבן זייער אידענטישקייט און זיך אַסימילירן אין די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען פֿון דעם עקאָנאָמישן און געזעלשאַפֿטלעך־קולטורעלן לעבן אין אויסטראַליע.

דאָס איז נישט נאָר אין הסכם מיט דער אָפֿיציעלער פּאָליטיק, נאָר אויך אַ רייע קערפּערשאַפֿטן, ווי דער פֿאַרבאַנד פֿון שעפֿסן־פֿאַרמערס, שטייען אויפֿן שטאַנדפּונקט פֿון אינפֿילטראַציע. אין דער בראָשור „אַ יידישער קאָלאָניע־קיבוץ אין אויסטראַליע" גיט דער מחבר, ש. סטעדמאַן, איבער, אַז דער דערמאָנטער פֿאַרבאַנד האָט אויף אַ קאָנפֿערענץ פּראָטעסטירט קעגן דעם, פֿרעמדע זאָלן שאַפֿן באַזונדערע קאָלאָניעס אין אויסטראַליע, און זיך אַרויסגעזאָגט דערפֿאַר, אַז אימיגראַנטן דאַרפֿן ווערן אַבסאָרבירט פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג.

אַז די פּאָליטיק פֿון אינפֿילטראַציע איז אַ פֿאַלשע, באַווייזט דער עקאָנאָמישער צושטאַנד, אין וועלכן דער גרעסטער טייל פּליטים געפֿינט זיך. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אויף אַזוי ווייט אומפּראַקטיש, אַז די רעגירונג האָט געהאַלטן פֿאַר נויטיק איינצופֿירן געזעצן, וואָס זענען געשטאַנען אין פֿולער סתירה צו אינפֿילטראַציע. צוליב דער עקאָנאָמישער לאַגע אין אויסטראַליע האָט מען געזוכט צו באַגרעניצן די פּליטים אויף כלערליי אופֿנים, אַז זיי זאָלן נישט האָבן קיין שום מעגלעכקייט צו קאָנקורירן מיט די אויסטראַלישע געבוירענע.

אויך אויפֿן סאָציאַל־קולטורעלן געביט איז די לאַגע ווייט נישט צופֿרידנשטעלנדיק. די אייראָפּעאיש־קאָנטינענטאַלע קולטור איז פֿרעמד אין אויסטראַליע, וואָס שטייט אונטערן איינפֿלוס פֿון ענגלאַנד און אַמעריקע. בלויז געציילטע האָבן אָנער־

קענט, אַז דער בעסערער פּליטים־עלעמענט איז דאָ אַהערגעקומען ווי ליכט־טרעגערס פון דער אייראָפּעאישער קולטור, כדי זי צו פאַרפלאַנצן אין דער נייער היים. די ווייניקע, וועלכע האָבן דאָס אָנערקענט, הגם זיי האָבן פאַרנומען פירנדיקע פּאָזיציעס אין אויסטראַלישן לעבן, האָבן דאָך נישט געהאַט גענוג איינפלוס אויף די ברייטע שיכטן, אַז זיי זאָלן געהעריק אָפּשאַצן די גרויסע קולטורעלע באַדייטונג פון דער פּליטים־אימיגראַציע קיין אויסטראַליע.

נישט געקוקט אָבער דערויף האָבן די פּליטים דאָך עפּעס בייגעטראָגן פאַר דעם פּראָגרעס אין אויסטראַליע. זיי האָבן אָרגאַניזירט, אָדער געהאָלפן אָרגאַניזירן נייע אינדוסטריעס, ווי אָפּטישע און כעמישע אויסאַרבעטונגען, האַנט־בייטלען, גאַלאַנטעריע, מאָדעל־קליידער, און אין אַ געוויסער מאָס באַאיינפלוסט צום בעסערן דעם אַלגעמיינעם געשמאַק. אויפן געביט פון קילטור האָט דער מחבר פון דער דאָזיקער אַרבעט געהאָלפן אָרגאַניזירן פאַר דער לערער־פעדעראַציע אין נ. ס. וו. אַ סעריע פאָרטראַגן, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייעם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו דער געשיכטע פון קונסט און ציוויליזאַציע. דער שווייצאַרישער יידישער מאָלער, ס. הערמאַן, האָט אַ סך בייגעטראָגן צו אַ מער פּראָגרעסיווער אָפּשאַצונג פון מאָלעריי. דריי פּליטים, פון וועלכע דער מחבר ווייסט, האָבן פאַרעפנטלעכט ביכער אין אויסטראַליע. זיי זענען: דר. שנירער, קורט אָפּענבורג און סטעפאַן קעלען. ס'איז כדאי צוצוגעבן, אַז ס. הערמאַן האָט בוכשטעבלעך געליטן הונגער־נויט, ביז עס איז אים געלונגען אַלס אַ שווייצאַרישער בירגער אַריינצוטרעטן אין אויסטראַלישן מיליטער.

די פּליטים האָבן אין אַ געוויסער מאָס אייראָפּעאיזירט דאָס אויסטראַלישע שטאָט־לעבן. די ווינער קאַפע־הייזער, וואָס זיי האָבן דאָ געעפנט, מיט מוזיק, מיט צייטונגען און זשורנאַלן אויף די טישן, די דעקאָרירטע שויפענסטערס פון זייערע מאָדע־געשעפטן, די מאָדערנע קאָסמעטישע אַנשטאַלטן, דאָס אַלץ האָט דאָ אַריינגעטראָגן אַ באַשטימטע אייראָפּעאישע אַט־





מאָספערע. אויך האָט די ווינער באַלעט־מייסטערין, באָדענווירזער, שטאַרק באַאיינפלוסט די טאַנץ־קונסט אין אויסטראַליע. נישט געקוקט אויף די שווערע באַדינגונגען, האָבן דאָך די פּליטים באַוויזן צו שאַפן און צו ווירקן אויף אַלע געביטן פון אויסטראַלישן לעבן.

דאָס בילד, וואָס מיר האָבן געשילדערט פון די פּליטים אין אויסטראַליע, וואָלט נישט געווען גאַנץ, אויב מען זאָל נישט צוגעבן, אַז דער רוב פּליטים האָט באמת ליב דאָס לאַנד און האָט נישט בדעה עס צו פאַרלאָזן אפילו נאָך דער מלחמה. זיי האָבן אויך גערן דעם אויסטראַלישן מענטש פאַר זיין גוטמוטיקייט, העפלעכקייט און פריינטלעכקייט, הגם נישט אַלעמאָל ביסטו זיכער, אַז דאָס איז אויפריכטיק געמיינט. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז דער פּליט ווייסט ווי אָפּצושאַצן די מעגלעכקייט, וואָס ער האָט דאָ פריי אַרויסצוזאָגן, וואָס ער טראַכט, כאָטש ער איז געשטעמפּלט אַלס אַ „פיינטלעכער פרעמדער". אויב ער איז נישט צופיל איבערגעשראָקן פון זיינע אייראָפּעאישע דערפאַרונגען, געניסט ער פון אָט דער פרייהייט. אַ באַווייז איז — די דאָזיקע אַרבעט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די פּליטים קאָנען צוליב זייער רעכטלעכער און עקאָנאָמישער לאַגע לעת־עתה נישט פילן זיך ווי אינדערהיים, פונדעסטוועגן האָבן זיי ביי מערערע געלעגנהייטן אויסגעדריקט די גרייטקייט צו קעמפן האַנט־ביי־האַנט מיט די אויסטראַליער קעגן דעם נאַציזם. דער פאַקט, אַז מען האָט זיי נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט דאָס צו טאָן, האָט אויף זיי באַזונדערס פיינלעך געווירקט.

* * *

דאָס איז אַ קורצער סך־הכל פון דער פּליטים־אימיגראַציע קיין אויסטראַליע. די שלוסן, וואָס מען קאָן ציען פון דעם סך־הכל, זענען צווייערליי: פאַר דער נאָענטער און פאַר דער ווייטערער צוקונפט.

וואָס קאָן ש ו י ן א י צ ט ווערן געטאָן? מיט אַ צייט

צוריק האָט מען אַריינגעבראַכט פון ענגלאַנד 1) 2,250 פּליטים און מען האָט זיי דאָ אינטערנירט. צווישן זיי זענען דאָ עטלעכע הונדערט יינגלעך אין עלטער פון בערך 16 יאָר און אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי דר. פלאַטטער, דער מאָדערנער דייטשער איבערזעצער פון שעקספּירן. די דאָזיקע פּליטים זענען אינטערנירט געוואָרן „על פּי טעות", ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער אינערן־מיניסטער אין לאָנדאָן. און מען וואָלט זיי געקאָנט באַפרייען, אויב די אויסטראַלישע רעגירונג זאָל זיי צוטיילן וויזן־רעכט. פון די 15 טויזנט פּערמיטן, אויף וועלכע אויסטראַליע האָט מסכים געווען אין עוויאַן, זענען נאָך 11 טויזנט נישט אויסגענוצט געוואָרן.

דער פּרינציפּ פון אינפילטראַציע לאָזט זיך נישט אָנווענדן מיט גוטע רעזולטאַטן צוליב דער ספּעציפיש־עקאָנאָמישער און קולטורעלער לאַגע אין אויסטראַליע. אָבער ביים היינטיקן טאָג, ווען אויסטראַליע איז אין מלחמה־צושטאַנד, דאַרף וואָס מער אויסגענוצט ווערן דער פאַראַנענער מענטשן־מאַטעריאַל פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד. אַ גרויסע צאָל קוואַליפיצירטע פאַכלייט, קאָנען אַריינגעצויגן ווערן אין מלחמה־אינדוסטריען. אַחוץ דעם דאַרף מען דאָ לעגאַליזירן באַוועגונגען פון פרייע דייטשן, פרייע עסטרייכער און טשעכאָסלאָוואַקן, ווי מען האָט עס געטאָן אין ענגלאַנד און קאַנאַדע, אָדער אַלס יידן, ווי מען האָט עס געטאָן אין פּאַלעסטינע. עס איז קיין פראַגע נישט, אַז אַלע דיסקרימינאַציעס לגבי די פּליטים דאַרפן אויפהערן. מען דאַרף זיי באַטראַכטן ווי מיטגלידער פון אויסטראַלישן קיבוץ און נישט ווי „פיינטלעכע פרעמדע".

אויסטראַליע דאַרף זיך נישט שרעקן פאַר עקספּאַנסיע. דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין מיליאָנען מענטשן, כדי זיך געהעריק צו אַנטוויקלען און צו ווערן אַ געזונטער, שטאַרקער קיבוץ. די פראַגע פון מאַסן־אימיגראַציע איז נישט אַקטועל ביים איצטיקן מאָמענט. מען דאַרף אָבער שוין איצט אָנהויבן צוצוגרייטן דעם

1) 600 פון זיי האָט מען צוריק אָפּגעשיקט קיין ענגלאַנד.





באָדן אין דער ריכטונג. אַ מאַסן־אימיגראַציע מוז זיין אַ פּלאַנירטע און געריכטעט אין נייע וועגן.

דער פּראָיעקט פון אַ יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב אין קימבערליי קאָן אין אַ גרויסער מאָס גילטן אַלס לעזונג פון דער פראַגע. דער פּראָיעקט איז גינסטיק אויפגענומען געוואָרן פון אַ גרויסן טייל פון דער עפנטלעכער מיינונג אין אויסטראַליע. ער האָט באַקומען די צושטימונג מצד דער מערב־אויסטראַלישער רעגירונג, די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, דעם „טשעמבער אָף קאָמערס", און איז רעקאָמענדירט געוואָרן פון אַ סך פירנדיקע אויסטראַלישע פּערזענלעכקייטן. אויב די פעדעראַלע רעגירונג זאָל געבן די דערלויבעניש צו גרינדן אַ יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב אויף די ברעגעס פון טייך אָרד, וואָלט מען גאָר אינגיכן געקאָנט אָנהויבן צו מאַכן די ערשטע צוגרייטונגען אָן שום קאָסטן מצד דער רעגירונג. פּראָפ. וואָלטער מאָרדאָק האָט געזאָגט וועגן דעם קימבערליי־פּראָיעקט: „איך גלויב, אַז ישראלס שווערע לאַגע איז אַ גוטע געלעגנהייט פאַר אויסטראַליע. אויב מיר וועלן זיין קלוג, דאַרפן מיר זיך אָנכאַפּן אָן אָט דער געלעגנהייט מיט ביידע הענט".

די דאָזיקע ווערטער וואָלטן געקאָנט אָנגעווענדט ווערן לגבי דער פּליטים־פראַגע אין אויסטראַליע בכלל.